SC99

Vol 42

# MANISH

by

I. L. Peretz

Dramatized

[illegible]. by Yonah Sryozak

SC99

# מאניל

אפורכר

פון יונה ספּיוואַק

SC99



# מאניש-

באלאדע

פון י. ל. פרץ

אין דראמע

פון יונה ספיוואק

(דער דאזיגער כתב-יד איז דאס אייגנטום פון יונה ספיוואק.

אויב די דראמאטישע געזעלשאפט פון שיקאגא פירט ניט אויף דאס דאזיגע ווערק אויף דער בינע אין ערשטען האלב פון 1932 מוז דער כתב-יד צוריקגעקערט ווערן לויט א פארשטענדיגונג מיט דעם מחבר יונה ספיוואק.)

דיכטער:

\-------

איר ווייסט ~~מיין~~ הסתם-

די וועלט איז א ים.

מיר זענען פיש.

(טייל זענען העכט,

שלינגען ניש'-שלעכט...

זאָג אפשר ניש?)

די וועלט איז א ים,

ברייט און אַ שיער:

די פישער זענען מיר,

דער פישער איז סם.

. .

.

ער האָט זיך אלס פישער

ביים לעבן פאַרשטעלט!

די תאוה-דאָס וואָרמיל-

פירט איבער די וועלט!

עס כאפט-וואיל די אַנגל

א פיש נאָך א פיש:

~~(סמ' כאטי' חובות (איניציאלן) פון סמאל. דער שר פון~~

~~פון גיהנם)~~

עס באַכט זיך א ווערמעל-

א בליק נאָר א קוש...

נאָר באַלד נאכ'ן ווערמיל

גייט האָקן און שטריק;

געענדט מיט'ן לעבן

א סוף פון 'ן גליק!

. .
.

אין יעדערער ווייסט עם

און יעדערער קאַן אים,

דעם שמײדניק דעם ~~שטן~~,

דער שר פון גיהנם,

און זעלטן איז עמיצ

באַשרײַמט און באַהיט...

אָט, איך צו וואַראַנען.

זינג איך מײַן ליד!

ס'איז געווען אַמאָל אַ עלוי,

נישט געקענט די וועלט אפילו,

נישט געווען אין קלאַס; (מוזן חזרן איבער)

פרום דער טאַטע,

פרום די מאַמע (מוזן חזרן איבער)

די משפחה, לומדים סאַמע,

נאָר פון עקסטן פאַס! (מוזן חזרן איבער)

סאַמע גאונים און למדנים,

מיט אײן „אלף-בית רבנים” (בים)

ס'קלינגט מיט איר די וועלט;

און מבינים גרויסע זאָגן:

זיי וועט אלע איבעריאָגן,

סאַנש'אונזער העלד!

(מוזן חזר'ן איבער די לעצטע צוויי שורות)

<u>ענדע פּראָלאָג</u>

-----------

## עס שפּילן

מאַניש:
לילית
סאַל
מאַניש׳ס פאַטער
מאַניש׳ס מוטער.
רביצין.
אַדעל
תלמיד.
דריי רבנים.
שד - שטאַפּעס.
חתן - אינגעלע
כלה - מיידעלע
אינגלאַך
מיידלאַך
פויער
שניידערל.
קלעזמעריל.
בדחנ׳דיל.
אידן.
אידענעס.
צוויי חברים.
שדים.
שדית׳טעס.

## - פּראָלאָג

(צווישן די וואָלקנס. אַ מאַט - בלוי בין-השמשות׳דיגע הימעל-קאָליר. אין פאַרשיידענע קינסטלערישע פּאָזן שוועבן ארום זיבן מוזן, פאַרשטעלנדיג די זיבן קונסטן. אויף מעגליך - אין קאַסטיומירטע אידישע פאָרמס. עס דערהויבט זיך צווישן זיי דאַס געשטאַלט פון דעם דיכטער. די זעלבע דעקאָראַציע בלייבט אין דער גאַנצער שפּיל.)

# ערשטער אקט.

(אן אלטע-מאָדיש חדר, אויף לאנגע בײַנק ארום טיש זיצן אינגלאך ביי אָפענע גמרות. דער מלמד, א יונגער מאן זיצט אויבנאָן. עס הערט זיך דער געזאַנג פון דעם גמראַ=נגון. עס קומען אריין מאַנישס פאטער און מוטער ( א געזאנג פון מדרש. נאכן געזאנג קומען עלטערן אריין).

מלמד

ברוך הבאָ מאַנישס פאטער!

רביצין

ס'קאַציל קומט מאַנישס מוטער!

מלמד

מאַניש איז א וואוילער אינג,
ר'האָט א קעפּיל פייער פלינק,
אָנגעפילט מיט תורה!
טרעפט אויך באַלד אריין אין קארב,
מעג דער רמב"ם זיין ווי הארב,
אין נאך א בעל-קורא!

(עס קומט אריין די שיינע שכנה אדעל מיט א זאָן אין האנט, האלטענדיג אונטער דער פאַטשע א קניילעכיל ביימוזאַל, זי שושקעט זיך מיט דער רביצין)

אַדעל

און א שײנער יונג א פּראַכט!

רביצין

שוואַרצע לאָקן ווי די נאַכט,

אַדעל

קאַרשן - ליפּן - רויזן צוויי!

רביצין

שוואַרצע ברעמען ווי די בױגן,

אַדעל

ווי דער הימל בלאָע אויגן,

רביצין

און א פײַער ברענט אין זײַ!
(קוקט צו דער טיר)

אַדעל

אָנצוקוקן איז א פרייד!
(קוקט צו דער טיר)

רביצין

מײדלאַך ווערן רויט און בלאַס,

אַדעל

אז ער ווײַזט זיך אויף דער גאַס,

בײדע

אז דער שײנער סאָניש גײט!

(עס קומט אריין מאַניש. מוטער פאלט ארויף אויף זיין האלז און קושט אים, א געבּרום פון אלע זייטן- „מאַניש" מאַניש זעצט זיך איבּער א גמרא און פארטיפט זיך אין לערנען אינטערברומענדיג דעם גמרא - נגון. דאָס זעלבּע גמרא געזאנג מיט מאַניש - סאָלאָ צוזאמען מיט אלע אנדערע.

מאַניש

איי, איי, איי, שור שנגח את הפרה!

מאַניש'ס מוטער (צום פאָטער)

די יונגע רביצין אין חדר,
זיצט א גאנצן טאָג כסדר,
הערט מכלומר'שט ווי מ'קנעלט!

(מלמד טוט זיך א כאַפּ. קוקט מיט קנאה אויף דער רביצין)

מלמד (צו דער רביצין)

ס'לויפט די יאָך, די מילך בּרענט
און זי זיצט פארלייגט די הענט,
קוקט אויף מאַניש'ן און קוועלט!

(רביצין גייט אַפּ א בּרוגזע צו דער זייט פון דער קיך, שטעלט זיך אַפּ און קוקט מיט ענטציקונג אויף מאַניש'ן)

רביצין (מיט לייכטע איראניע צי אדלען) בײַ

ווען עס איז ארויסגעפאלן די נאדעל און ד:

דאס קניילעכעל פּימוזאל)

און דער שכנה, שיינער אדעל,

פאלט פון האנט ארויס די נאדעל

לאזט זיך אונזער מאניש הערן!

מאניש

איי, איי, איי, שור שנגח את הפרה!

(אלע הערן זיך איין מיט התפעלות, גמרא-

געזאנג)

רביצין (קוקענדיג מיט מיטגעפיל אויף אדלען)

עס פארפעלט איר אטעם דאך

אדעל (כאפט זיך ביים הארצן)

און עס גיט אין הארץ א שטאך (ווײנט איינגעהאלטן)

און - עס קאפען הייסע טרערן.

מוטער (גייט צו צי דער רביצין און אדעל)

דאך ווי גאלד איז אינזער מאניש.

(שושקעט אריין אדלען אין אויער)

רביצין

פון דעם אלעם ווייס ער גאר-ניש.

(מוטער גייט צים טיש וואו עס זיצט דער

פאטער מיט מלמד. (צי זיך)

שמן ביזט געפלעפט!

פּאַטער

(צום מלמד)

ער האָט ליב א בלאט גמרא.

ער האָט חשק צו'ן א סבָרא

מלמד

„שור שנגח את הפרה"

דאָס איז זיין געשעפט!

פּאַטער (צום מלמד דערציילעריש)

ס'לעבן אצינד נאָך

די אלטע בעלי - בתים

מיט מעשענע ברילן

און זילבערנע בתים.

גאָלד די עטרות

און אייזן די מחות

מלמד

[פ׳בוטה] פול ~~טובות~~ - מדרש

אין טאקי מיט קעפ,

מען לערנט נאָך אין פּאָליש,

מען לערנט אויף די טרעפּ,

עס ווערט ניט פאר חצות

קיין ליכטל פארלאָשן.

(עס הערט זיך ~~אויף~~ ווידער אמאל דער גמרא

ניגון פון די קינדער. מלמד גייט ארום שטאלץ

איבערן חדר. קומט צו צו דער טיר אין קוקט ארויס דאן ווענט ער זיך צו מאנישע'ס פאטער מיט איבעראשונג)

מלמד

די גרעסטע רבנים,

פון ווייט, פון דער פרעמד.

(עס קומט אריין דער ערשטער רב. אלע הויבן זיך אויף. פרויען שטעלן זיך אויס ביי דעם פענסטער און קוקען אריין)

מאניש'ס פאטער:

דער סיני פון קאזיץ!

(צווייטער רב קומט אריין)

מאניש'ס פאטער

דער מאוה הגדול

פון קליין מאזעלבאזשיץ!

זיי קומען אומישנע

פארהערן דעם עלוי

(זעצן זיך אלע ארום מאנישן.

(מאניש זאגט ארויס פון ספר)

מאניש

א וויב האט געהאט רבי חנינא בן דוסא

זיין זכות זאל אונז ביישטיין, הלואי!

הע הערט איר א רייטערקע, אָבער א גרויסע,
עס זאָל אונז ניט זיין צו קיין גנאי!
און שטיל ווי א טייבל, זי קוועלט פון
זיין צורה!
עס לייכט איר די אויגן די גראָע...
נאָר קוים פעלט עסן, צי פעלט אים א דירה,
ווערט פון איר א חיה נוראה!
קוים הויבט אָן פישטשען א קינד, עס וויל
עסן,
קוים הויבט עס אָן הוסטן פאַר קעלט,
האָט זי שוין אין אלעס, אין אלעם פארגעסן,
זי שרייט שוין, זי רייסט זיך אין שעלט!
„די קענסט דאָך צום הימל, צו גאָט אלע וועגן,
„דו האָסט אלע שליסל אליין!
„האָב אויף דיין ווייב, אויף די קינדער
רחמנות,
„גיב דיר פאַר זיי אויך א טיי!
„עס וועט דיר ניט העלפן דיין קנאַבל, דיין
קדוש!
„חנינא, דיין סוף וועט זיין מאוס!
„איך רעד פאַר פייער, פאַר וואַסער, קיין
חדוש,
„חנינא'שע, בעט כאָטש א פּוס!
פערגלייסט ער די אויגן, גאָט, טראַכט ער,
צו ווייסט,
קיין עצה, קיין ראַט האָב איך נישט...
און קוים האָט חנינא די אויגן פארגלייסט,

עס ליגט שוין א פוס אויפן טיש.

א נאכט איז געווען א לאנגע א גרויסע,
דער פרייטאג, דער קורצער שוין טאג
כאפט זיך אויף גרינגע: חנינא בן דוסא"...
זי פאלט צינ'עם צו אין זי קלאגט!

„אוי, איך האב געזינדיגט, אצינד פיל איך די
זינד,
א נארישער אידענעס מויל!
„גיב אפ דעם הימעל דעם קאלב-פוס געשווינד,
„עס האט מיר געחלומ'ט א גרויל!

„איך האב דיין שטיל אין גן-עדן געזען,
„מיין בענקעלע אונטער דער שטיל
„פון גין - גאלד, חנינא'שע איז עס געווען,
„מיט טייערע שטיינער נאר פיל!

„ז'איז צווישן די אמהות מיין ארט
„איך זאל מיך ניט קאנען רירן פון דאנען
„זאג איך דיר ליגן א ווארט!
„נו הערסטו חנינא, וואס מיך האט געקוועלט,
„איך בין שיער געשטארבן פאר שרעק,
„עס האט פון דיין פיסא א פיסל געפעלט.
„מיין איך, אז ס'איז שוין מיין עק!

מיט רחמנות קוקן די אמהות און שווייגן,
די שפחות נאָר שמייכלען גאָר מאוס,
און בלהה און זלפּה, זיי ווייזן מיר פייגן:
האסט אויפגעגעסן דיין פּוס!

זאָל מען ניט טייטן אויף מיר מיט די פינגער,
א טרער לאָז, אָ מאך נאָר דיין שפּיל!
זאָלן מיר דאָ אלע שטארבן פאר הונגער,
אין וואָרט זאָל ניט הינקען דיין שטיל.

(אלע זיצן פארגאפט, א לענגערע שטילקייט,
דערוואכונג.)

ערשטער רב (צום פאטער)

וואיל איז דעם טאטן וואָס האט אזא זון!

צווייטער רב (צו דער מוטער)

וואיל איז דער מאמען וואָס וועט אים דערציען!

דריטער רב (צו אלע)

וואיל איז דעם דור וואָס אים פארמאגט!

מלמד

אין משיח'ס צייטן ווערט אזוינס געבוירן.

ערשטער רב

אוי ירושלים עפן דיינע טויערן!

אלע

אוי ירושלים עפן דיינע טויערן

(פירן ארוים מאַנישן מיט א פּראָצעסיע)

אלע

(זינגען) אַתחַלתא דִגְאוּלָה....

פאָרהאַנג

------------

## צווייטער אקט

### פּראָלאָג

די סצענע:
(דער דיכטער מיט דער מוזן)

דיכטער:
אויף באַרג אררט,
אויפ'ן הויכן באַרג,
וואָס טראָגט דעם־אייביגן
שניי אויפ'ן קאָרפּ
אויפן באַרג אררט,
לויט עס איז באַשריבן
איז מיט דער תיבה
נח שטיין געבליבן.

מוזן:
און איז אַרויס פון תיבה
מיט שם און חם ויפת,
מיט אַלע חיות
בהמות און עופות

דיכטער:
און זיי אַלע זעען
מיט זייערע אויגן
ווי ס'הייבט אין הימל
גאָט'ס פֿילנבויגן,
און הערן גאָט'ס שבועה.

מוזן:

„דאָ שווער איך דיר וועלט

עס וועט דיר ניט העלפֿן

קיין היץ און קיין קעלט!

כאַטש רצח'ע און הרג'ע

כאַטש גנבֿ'ע און מסר

איך וויל דיך ניט טאָפּיען

שוין קיין מאָל אין וואַסער"!

דיכטער:

געטאַנצט האָבן חיות,

מוזן:

חם האָט געלאַכט,

דיכטער:

נח האָט די ערשטע

כּוס'ע געמאַכט.

מוזן:

געשטאָרבן שוין אַלע

אַ פּעקל מיט יאָרן,

עס שטייט דאָך די תּיבה

ביז היינט לזכּרון.

(באַלעט פֿון שדים. דער שפּיל פֿון באַרג אַררט אויף וועלכן עס שטייט פֿון. דער תּיבה און אַ פּעט אויסגעמאַכט פֿון מענטשליכע סקעלעטן ליגט סמאַל און רויכערט פֿון אַ גרויסן ליולקע ליפּיק וואָס זעט אויס ווי דער סקעלעט פֿון אַ קינד. נעבן דעם צהר, שטייט לילית ~~[illegible]~~ ~~פֿון דער תּיבה~~ און קאַמט זיך אירע גאָלדענע לאָקן, זי קאַמט זיי און קרייזעלט און פֿלעכט זיי קאָקעט.)

לילת:

דאָרט אונטער די שנייען!

עס הייבגט אויף דער וואנט.

עד היום דער צֹהַר

דער גרויסער בריליאנט.

סמאל:

און דאָרט אין דער תיבה

אין שנייען פרעסט

דאָרט האָט זיך סמאל

געפלאָכטן א נעסט.

לילית:

אין נעגן דעם צֹהַר

קעמט אַל, אין דערפריִ

לילית׳ס גאלדענע

לאָקן זיך צו;

זי קעמט זיי אָן קרייזעלט

און פלעכט זיי קאָקעט.

(קאָקעטירט מיט סמאל׳ן)

סמאל:

(מיט גאווה)

און סמאל ליגט זיך

און רוכערט אין בעט.

(לילית קומט צו־צו סמאל׳ן, זעצט זיך אויף׳ן עקראנד פון בעט)

לילית:

מיר שמועסן פּערטרויט.

סמאל:

פון דעם

לילית:

און פון יענעם

(ווינקט מיט'ן אויג)

סמאל:

וועמען צו פּאַקן

אריין אין גיהנם;

לילית:

וועמען צו שמייסן

מיט אייזירנע ריטער,

סמאל:

וועמען צו פּרעגלען

צום פרישטיק אויף פוטער!

(עס לויפן אריין מיט געפילדער שדים און
שדית'טעס און טאנצן ארום א תאוה - טאנץ. און
אימפּראוויז פון ליידענשאפט כאפט סמאל אריין
די הויפט-טענצערן אין זיינע ארעמס. לילית
שפרינגט ווילד אויף, רייסט זיך ארויס פון
אים און שליידערט זי צו דער ערד, סמאל
ווערט אומעכטיג און קניעט זיך פאר לילית'ן.
שדים און שדית'טעס לויפן אוועק מיט שרעק
און מיט א געשליקעכץ, סמאל ציטערט.)

לילית (מיט סארקאזם צו סמאל'ן)

וועמען צו שמייסן

מיט אייזערנע ריטער,

וועמען צו פרעגלען

צום פרישטיק אויף פוטער!

האו! האו! האו!

(לילית ליינט זיך אוועק אויפן בעט און
ליידענשאפטליכער פאזע, גיט א ווינק צו סמאלן,
ער ליינט זיך אוועק נעבן איר אויפן בעט און ג
גלעט איר די האר, עס הויבט פלוצלונג אן

שטארק צו קלינגען אין דער תיבה. עס צאפּעלט דער בארג. סמאל און לילית שפּרינגען שיער ניט ארויס פון בעט. סמאל רופט אויס - אריין! עס באווייזט זיך א שד וועלכער שליקערצט קוים אויס א ווארט נאך א ווארט

שד (קומט אריין)

שד

אך, גרויסער מלך!

עס ציטערט דיין טראן...

סמאל

וואס איז געשען?

געשווינד הער באראן!

שד

אין קעניגרייך פּוילן,

הארט בא דער גרעניץ,

ליגט זיך א שטעטלע

גרויס ווי א געניץ

סמאל (מיט שפּאס)

און קוים וואס מען זעט עס,

מען הערט עס אויך זעלטן:

שד

הייזלאך ווי ניסלאך,

ווי שמות געצעלטן...

סמאל

סמאל

אין גאנצן א צענדליג,

צו ציילן אויף פינגער!

לילית (מיט שפאט)

עס בייסן די ציגן

די דעכער פאר הונגער!

שד

און שטיל ווי א קברות

מענטשן ווי מתים.

לילית

קיין גאוה, קיין תאוה,

שד

מע'לעבט פון תעניתים;

סמאל

קיין חסידים, קיין דייטשן---

לילית

האט תורה א קיום,

שד

עס וואקסן רבנים,

מען פאשעט עלויים...

צינד וואקסט נאך א גאון,

וואס וועט נאך פארשטעמען

גאנץ פוילן און ליטע

און זאמיט און בעמען

און לאָזט צו אים וואקסן.

לאָזט צו אים פריי,

פיזמו - חלילה!

הוד - מלכות פארביי!

האָסטו פארלוירן

גאנץ פוילן און ליטע...

איז - חס ושלום-

איין - עך פין ניט - גוטע

יאָגן וועט ער אונז

מיט שרעקליכן האס

און ברייגנען משיח'ן--

חלילה וחס!

(סמאָל לויפט ארום ווי אן אויפגעצארענטער,
רייבט זיך אין רינזעלט דעם שטערן און
שטעלט זיך אָפּ לעבן לילית'ן.)

סמאָל

גוואלד! לילית קרוין!

אן עצה גיב שוין!

אזוינס קען די וועלט איבערקערן!

(סמאָל גיט א פליעסקע מיט די הענט.
קומען צו לויפן די שדים מיט די
שדית'עס, זיי טאנצן אלע א בוק-טאנץ
צו לילית'ן. סמאָל טוט איר אן די קרוין.)

שדים

לילית קרוין!

לילית קרוין!

אן עצה גיב שוין!

לילית (מיט שטאָלץ צו סמאָלן)

דער נוס איז האַרט!

נאָר מיין מאן ווארט,

זי קנאקט דאָך אונטער די ציין!

נצחון איז זיס!

גרייט אָן די שפיז

(סמאָל דערלאנגט איר די שפּיז)

דער בראָטן וועט קומען אליין!

(אלגעמיינער שדים טאנץ)

פאָרהאנג

----------

## פראָלאָג

די סצענע

(דער דיכטער און די מוזן)

דיכטער:

אָ גאָט האָב רחמנות,
זיי זוכן נקמה!
האַלט אידן תענית
פאַר דער נשמה!
עס שווענדלען די אויגן
הייס ווערט און קאַלט....
זי הענגט אויף א הערל.
אָט, אָט, זי פאַלט

מוזן

אָט פאַלט פון'עם הימעל
א ליכטיגער שטערן
אָט וועט אין גיהנם
א שמחה שוין ווערן!

סצענע

(דער מארק פּלאַץ פון א קליין שטעטעלע,
עס איז שטיל און רואיג, אין מיטן
מארק ליגט איין אַלטער פוילער קלאָץ
א פויער שטייט נעבן זיין פירל אין
גענעצט. יונגוואַרג רייסט זיך אַרויס
פון די הייזלאַך, נאַקעט, האַלב נאַקעט,
מיט אין אַן שטיקלאַך ברויט אין די הענט

אינגלאך פארן רייטענדיג אויף שטעקענעס

צום קלאץ)

אינגעלע

קומט אהער אלע, אלע!

וועלן מיר שפילן חתן-כלה.

שטימען: (רעכטס)
ווער איז די כלה?

שטימען: (לינקס)
קריינדעלע ·

(קריינדעלע קומט צו און זעצט זיך אוועק אויפן קלאץ. קינדער [illegible] איר ארום.)
[illegible]

שטימען: (רעכטס און לינקס)
דער שיינער נתן! דער שיינער נתן)

(מען פירט ארײַן שיינעם נתן)

חתן-כלה:
זענען מיר ביידע שפאצירן געגאנגען,

צווישן ווייץ און צווישן קארן-

די וועג וואו מ'זע'מיר שפאצירן געגאנגען..

זענען פארוואקסן געווארן..
(מחותנים רעדן צווישן זיך)

מחותן פון חתנ'ס צד: (צום מחותן פון כלה'ס צד.)

איר האט אונדז אפגענארט.

מחותן פון כלה'ס צד: (נעמט ארויס פון קעשענע א שערבעלע.)
נאט אייך נאך א שערבעלע)

מחותן פון חתנ'ס צד: (פארקרומט די נאז.)
מם...א שיינע מתנה.

מחותן ~~שוחות~~ פון כלה'ס צד:
דא, האט איר א שטיקל גלאז פון א בלאז
נעוועזענער פלאש. קוקט דורך דעם און איר זעט
די וועלט אן אנדערע. א שיינע וועלט. א בלאטע
וועלט. אפילו דער מיסט-בארג איז שיין.

מחותן ~~מחות~~ פון חתנ'ס צד: (קוקט דורכ'ן גלאז)
יא, א שיינע וועלט, מסכים. זאל מען שטעלן חופה.

(מען פירט דעם חתן צו דער כלה, וועלכער באדעקט
די מיט א פאטשיילע. עס שטעלט זיך אוועק אויף א
א פיינקעל דער בדחן. קלעזמער שפילן אויף בעז
ימער. אויף געמלאך און אלטע טאצן פון אלטע
בלעך.)

בדחן:
כלה-לעבן וויין זשע וויין!

דער חתן וועט דיר שיקן א שמעלע הריין ב

~~באראם~~ - (קלעזמער שפילן) באם-טראראם.
(מען פירט חתן-כלה איבערן מארק מיט געזינגען און
געפילדער און מ'גייט צוריק צום אלטן קלאץ
וואו די חופה פון אן אונגעשפריטער שמאטע דעכ'ל
ווערט געהאלט פון פיר קינדער.)

רב:
קול חתן וקול כלה.

(מען פירט ארונטער דער חתן-כלה אינטער דער חו
חופה. חתן דרייט זיך מיט די מחותנים ארום דער
כלה. זאגט דעם "הרי-את" צוברעכט צובראכן גלעזל

אלע:
מזל טוב! מזל טוב!

א בעל-בתיש ווייבעל.
(צו די קלעזמער)
וועשער: שטעלט אייך אפ כ'בעט'ך

איר זעט'ך

כ'בין א בעל-בתיש א שיינע.

א פיינע!- ברוגז
שפיל מיר א ~~ברוגז~~ טאנץ!

איר וועט זיין,

איך טאנץ אזוי שיין.
(קלעזמיר שפילן און זי טאנצט)

אלטע ווייבער: (צו דער קלעזמיר)
שפילט קלעזמאָרים. שפילט א בוטמע,

חאָטש אן אריסקעע, פארט א מאַמע!
(טרויעריג)

נישט געבעטן! אליין געקומען...
(קלעזמער פירן חתן-כלה מיט שפילערייען ארום קלאָץ. כלה ווערט אריינגעפירט פון אן אלטע באָבע פינטער אן אויפגעהאנגענעם דאָס שטעלט פאר א חדר. חתן ווערט ~~נאך דעם~~ אויך צוגעפירט צו דער רעדנע פון אן אלטען זיידען. קאראַהאָד פון מחותנים אין מחותנים'טעס. באָבע מיטן זיידע טאנצן אין דער מיטן "ווארשאַווער אכציגער און זיבעציגער." קויס ליד)

צווייטער סצענע

(א חברה קינדער זינגענדיג)

בענעלע, מיגעלע, רייב די קלאַצקעס.
רויטע פאמאראַנצן;

אז דעם טאטע שלאָגט די מאַמע

גייען די קינדערלאך טאנצן

(עס קומען ארויס די פריערדיגע חתן-כלה אלס מאַן און ווייב. מאַמע האַלט אין אירע הענט קינדער פון שמאַטעס. צוויי גרעסערע קינדער פון א שטיקל האָלץ, איבערגעדעקט מיט שמאַטעס, שטייען ביים דער זייט

מאַמע:
זשיג, זשיג, קינדעלע!

הונגעריק, הונגעריק.

נשמה'לע מיינס!

ניט געגעסן האָב איך פיל.

האָב איך מילך ניט גענוג.

שטאַרקער צי!

שטאַרקער צי!

קינדעלע צו מיינס.

מאַמע: (גייעט ארום אנגעטורעט. וויזט אן מיט כעס אויף די עלטערע קינדער.)

ממזרים..

נישט לערנען

נישט פרום זיין

נישט טון די הענט אין קאַלטע וואַסער אריין...

נאָר פרעסן

נאָר זויפן

קישקעס אָן א דנאָ...
(זיפצט)
אוי־די ביטערע פרנסה!

אז עס איז פארט ניטא פון וואַנען!

מאַמע: (צום טאַטן)
אפשר וועלטן מיר זיך א שטעלכל געמאכט?

טאַטע:
זאָל זיין א שטעלכל־אַבי פרנסה.
(זיי מאכן זיך א שטעלכל אויפן קלאָץ און לייגן אן שערבלאַך.)

טאַטע מאַמע:
קונים, קומט אהער!

קונים, קומט אהער!

ביליג, ביליג!

קויפט!
(עס קומען און קינדער פארשטעלט אלס אידן און אידענעס.)

מאמע:
א קעזל, אן ~~אייגנער~~ געמאכט!

מאמע:
א הערינג איינגענער געמאכטער!

מאמע: (צום מאטן)
א הערינג מאכט מען ניט אליין (מיט איראָניע.)

דן א סוחר! (אידענעס און אידן זינגען זיך.)

אידענע:
ווי פיל איז דאָס קעזל?

מאמע:
צוויי גראָשן
אידענע:
איין גראָשן

מאמע:
ס'קאָסט מיר טייערער

אידענע
טא עסט'ס אליין געזונטערהייט (גייט אוועק)

איד
(צום מאטן)
איער הערינג איז צו טרוקן.

מאטע:
ווען איר אים וויקן און טינקן דאָס ברויט אין'ם ראָסל.

איד:
איך וויל אָבער אויף באָרג, ניטא קיין פרנסה.

מאמע: (גיט אים דער הערינג)

מאמע: (צום אידן)

אפשר וואלט איר דער קעזל אויך גענומען אויף באָ-

רג?

איד:

מהיכי- תיתי, לעולם תּקח. אז גאָט וועט געבן פרנסה, וועל איך אייך באצאהלן (נעמט הערינג אין קעזיל ג- גייט אוועק. טאטע-מאמע בלייבן ביידע פאַרטומערט.)

מאמע:

ניט קיין סחורה און ניט קיין געלט. וואָלט עס מיר כאָטש געהאָלפן פאַר זיך די קינדער געגעבן זאָט אָפּצוגעסן.

טאטע:

און די מוז מען צאָלן פּאַטענט. שטול-געלט, דירה געלט. היינט קינדער חתונה מאכן (גייט ארום פארזארגט מיט א שווערן זיפץ) אך, די ביטערע פרנסה.

מאמע:

- זאָרג ניט מיין מאַן עס איז דא א גרויסער גאָט אין הימל.

טאטע: מניא...

(אלע קינדער אַפּ, שטיל. דער פייער פון פירל-צעגיינעצטזיך. שטילקייט ווערט פלוצלונג איבערגעריסן פון געטומעל, עס דערהערט זיך דאס הירשען פון פערד. דאס קייקלען פון רעדער, דאס קלינגען פון גלעקלאך, דאס בלאָזן פון א האָרן און קנאַלן פון א בייטש, עס הויבן אָרום צו לויפן פון די הייזלאך אידן און אידענעס, מיידלאך און איינגלאך. ליישן זיך צו זאַמען, מיט די צווישן אויך מאַניש און מַבּע.)

אידן

טא- רא- רא- רראאם.

מאַניש'ס פאָטער

וואס איז געשען?

ערשטער איד

צי האָט ניט פאַרט עמיץ משיח'ן געזעען?

צווייטער איד

ווען בלאָזט מען דעם שופר?

דאָך אלול, ניט תמוז?

דריטער איד

~~[illegible]~~ צי איז ער משוגע געוואָרן
דער שמש?

פערטער איד

וואָס בלאָזט עס אין פייפט?

וואָס דונערט אין קנאַלט?

פינפטער איד

צי פּלאַצן די דעמפּעס

אין טאַסנעס אין וואַלד?

(דאָס קנאַלן ווערט שטאַרקער)

זעקסטער איד

עס פייפט און קנאַלט

עס זעצט און קנאַלט.

עס יאָגט און עקסטראַ-

פאַסט פון טראַקט!

מאָניש'ס פאָטער

אָ, ווער האָט אזא

קלינגען געהערט?

ווער האָט געזעען אזוי

פליען פיר פערד?

(לויפט ארום צ/טומעלט [illegible] הין אין הער

אוןן דען שטעלט ער זיך אפ)

עס קלינגען די גלעקלאך

וואס אמאל פרייער!

עס שפריצן די פאדקאוועס

פינקען אין פייער.

מאנישע'ס פאטער

עס שלענגעט זיך קנאקט

אן רחמים די בייטש,

אַ איד (שטייט א צ/טומולטער מיט אן אפענעם [illegible] מויל)

וואס טיטש? הא?

(עס קומט אן עקסטרא פאסט פ/ון טראקט

געשפאנט צי פיר פערד. דער אנטרייבער שלענגעלט אין קנאקט מיטן בייטש. עס גייען ארונטער פון דעם געשפאן דער סמאל אלם דייטש אין לילית אלס זיין טאכטער מאריע. עס לויפט זיך צוזאמען דאס גאנצע שטעטל. קראנקע פון בעטן, לומדים פון קלויז. אלע קינדער קומען צוריק) ~~איין קינד איז אין דער מיט. ער האלט די תחתונים אין קליפעט, עס לויפט אן דער שוחט מיט א ניט דערקוילעטן האן אין לויפט ארויף אויפן מלמד.~~

סמאל: (מיט איראניע צו לילית)

צו זעען דאס ווינדער

זענען ארוים

קראנקע פ/ון בעטן

לומדים פון קלויז.

קינדער פון חדר

(ווייזט אן אויפן קינד וואס האלט
די תחתונים און לאכט)

אין האנט די תחתונים

מלמד (קול 13)

פון אונטער דער רוט.

(שוחט לויפט ארום הין און הער)

סמאל (צו לילית)

דאס לויפט דער שוחט

בלייך ווי די וואנט (מיט געלעכטער)

א ניט דערקוילעטער

האָן אין דער האנט

שוחט (צום מלמד)

כ'האָב אין מיטן

דאס פייפן געהערט,

און - במקום דעם האָן -

דעם חלף אויף ד'ר'ערד

(ער פאלט אויפן מלמד מיטן חומש
אין אפענעם מויל)

סמאל (צו לילית)

און דא לויפט א טויבע

און ברעכט זיך די הענט

טויבע אידענע (לויפט אריין ברעכט די הענט)

טויבר איזמאַן;

שרייט אידן העכער-

זאָגט מיר, וואו ברענט?!

מלמד (צו מאַנישׂ'ס פאָטער)

שאַ! שאַ! נאָר שטילער!

מען ווייסט שוין! סאַפראַסט,

א דייטש איז געקומען

פון דאנצינג מיט פאָסט!

שוחט

מיט געבריינגט האָט ער

נאָר אוצרות מיט געלט.

מלמד

גייען וועט א מסחר

זיין וועט א וועלט!

ערשטער איד

אין גאָט האָט דאָס שטעטל

נאָר ראפטאם באגליקט,

מאַנישׂ'ס פאָטער

ער האָט אונז פון הימעל

א מחיה געשיקט!

(עס באוויזט זיך אין צענטער סמאָל אין לילית)

לילית (צו סמאָל'ן מיט ענטציקינג קוקען זיך אויף דעם געזעמל)

אידעלאך

ווי פידעלאך



THE GATEWAY TO THE JEWISH MARKET

סמאל (מיט סארקאזם)

ווי בײַנדעלאך

ווי שפּײַנדעלאך

לילית (דערפּליקט מאַנישן)

אינזײַנען פּיל מיט חנ'דעלאך
(לילית מאכט חנ'דעלאך צו
מאַנישן, סמאל האנדעלט מיט די אידן וועלכע
טראגן אים ארויס סחורות).

מלמד

עס האנדעלט דאס דײַטשל

מיט כל'ערליי תבואות,
(סמאל האנדלט מיטן מלמד מיט חוזק גרימאסן)

סמאל

איך צאל אלץ אין בארן

און מאך נישט קיין שהיות!

אלץ ווערט מיט גאלדענע

רענדלאך געוואויגן.
(צאלט מיט רענדלאך)

מלמד

אז יעדן ווערט פרײלאך

אין ליכטיג אין די אויגן.

סמאל (ווײַזט אן מיט שפּאס אויף די סוחרים)

עס הויבן אן האנדלען

באר שוחטים דײַנים,

עס לויפן, עס קויפן

מלמדים, במלנים.

(עס קומט צו דער שוחט און האנדעלט)

שוחט

אלעס איז סחורה.

סמאל

פון פארשוס א רעגן

ערשטער איד (צוקומענדיג)

אין פויערן מיט פירן

פארלייגן די וועגן!

סמאל

מען דארף ניט באקוקן,

געקויפט און געשטעלט.

צווייטער איד. (מיט התפעלות)

עס שיטן זן אידלאך

פעסער מיט געלט.

מלמד

אי ווער געדענקט

אזא גאלדענע צייט

סמאל

ס'וועט טראגן אנדערוואכן

נאר אמלעס און זייד

א שניידערל (מיט שער און נאדעל)

אין חתונות וועלן מיר מאכן

טאג-טעגליך כסדר.

באוואַרפֿן די שניידער
מיט חתונה קליידער.

א קלעזמערל (מיט א פֿידעלע)

עס וועלן אַן הענט שוין
די קלעזמער פֿאַרבלייבן,
די חופּה צערייסן
די שטיינגען צערייבן

א בדחנ'דיל (שטעלט זיך אויף א ביינקל)

ס'וועט ניט האָבן דער בדחן
קיין כח צי לאכן
ס'וועט קיין וואקס שוין נישט קריגן
הבדלות צי מאכן

(סמאל גייט אריין אין אכסניה, עולם שטייעט ארום אין צעגייט זיך, פּאַמעלאַך)

מלמד

לעקאך פֿאַר ברויט-שטאָט

שוחט

אין ניס, פֿאַמעראַנצן

מאַניש'ס פֿאָטער

עס קאַכט וויאַ קעסל
דאָס שטעטל אין גאַנצן!

(עולם גייט אַפּ אין זייטיגן געסל, עס הויבט אַן ווערן טינקעל, א פּחדל קומט צו צו מאַנישן,

# JEWISH DAILY FORWARD

*World's Largest Jewish Daily*

KEDZIE AVE. AT 13TH ST.

CHICAGO

וועלכער שטייט פארטראכט ביי דער טיר פון דער אכסניה, מאריע גייט פארביי קאקעטירענדיג, אדעל אדעל שטעלט זיך אוועק צווישן ליליתן און מאנישן ווי זי וואלט אים וועלן באשיצן, לילית דרייט זיך ארויס און שטעלט זיך לעבן מאנישן ווינקענדיג צו אים און צו זינגענדיג א ליסטיגע מעלאדיע מאניש פלאטערט אויף, ער קוקט אויס צעטומעלט, די תאוה ווערט אין אים אויפגעוועקט. ער קעמפט מיט זיך. שפרינגט אפ מיט ציטער פון ליליתן, עס באווייזט זיך דער סמאל אין זיין שד-געשטאלט. ניט געזען פון מאנישן. לילית קומט ווידער אמאל צו צו מאנישן. זיי קוקן זיך ביידע אין די אויגן. אדעל כאפט זיך ביים הארצן. דען באווייזט זיך ווידער א מאל דער סמאל, אין געשטאלט פון בחור'ל, מאניש קומט צו צו אים, לילית און אדעל שטיין אויג אויף אויג און זייערע בליקן קעמפן. לילית'עס בליקן זיגן. זי קוקט אויף אדלן מיט שטאלץ. אדעל קוקט אויף איר מיט געבעט)

לילית (צו זיך. קוקענדיג אויף אדעל'ן)

צי האט זי ווען אמאל געלאכט?...

אדעל (צו זיך. קוקענדיג אויף לילית'ן)

צי האט זי ווען אמאל געוויינט?...

לילית (לאכט אריין אדעלן אין פנים אריין)

כא -! כא-!, כאַ! (זי דרייט זיך קאַ-
קעטיש אַרום מאַנישן, גיט אים שמעקן
איר בלום. דען גייט זי אריין אין
הויז)

(אַדעל גייט אַפּ צו זייטיג געסל מיט איין

אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ א באַליידיגטע בלייבט שטיין
פון דער ווייטנס קוקנדיג אויף מאַנישן מיט
ענטציקונג אין זיפצט אויס - אך, אך, אך,
זי צעוויינט זיך אַפּ

סמאַל (אלס בחורל צו מאַנישן)

נאָר דער דייטש האָט מיט געבראַכט

(שושקעט מאַנישן אין אויער)

א בת - יחידה'לע, א פּראַכט

מאַניש (מיט ענטציקונג)

גאָלדענע לאָקן ביז די פיס!

בחורל

אויגן בלישטשען ווי די שטערן.

מאַניש

אין א קול - א פרייד צו הערן.

בחורל

אין א שטימע - צוקער זיס!

ביידע

אין זי גייט ניט נאָר צו שפרינגט.

אין זי רעדט ניט, נאָר זי זינגט.

(בחורל שפרינגט אַפּ אָן א זייט אין באַווייזט
זיך אַלעס סמאַל ניט געזען פון מאַנישן. ער
מאַכט פאַרשיידענע גרימאַסן, ווערט פאַרשווינדן)

מאַניש (ווי ער וואָלט גערעדט צום בחורל)

אין זי גייט ניט, נאָר זי שפּרינגט,

אין זי רעדט ניט, נאָר זי זינגט.

(לבנה מיט שטערן באַווייזן זיך. עס הערט זיך פון אינווייניג מאַריעס זינגען. מאַניש ווערט פאַרכאַפּט פון דער מעלאָדיע. מאַריע באַווייזט זיך אין פענסטער אין זעצט פאָרט איר זינגען, ער שטייט אָנגעשפּאַרט אויף דער פאַרענצע אין הערט זיך איין)

מאַריע (זינגט)

מיין הימעל, מיין הימעל, דיין פּנים

די אויגן דיינע - די שטערן,

דער דיינסטער קלאַנג פון גן - עדן

לאָזט אין דיין שטימע זיך הערן.

מאַניש

לאָזט אין דיין שטימע זיך הערן.

מאַריע

די ביזט מיין ליבּ, מיין נשמה,

צי וואָלט איך אָן דיר דען געלעבט?

פון דיינע די ליכטיגע שטראַלן

איז זי מיין נשמה געוועבט!

מאַניש

איז זי מיין נשמה געוועבט!

מאַריע

די ביזט מיין ליבּ אין מיין ליידן

פֿון האַרפֿע דער גאָלדענסטער קלאַנג

פֿון די ליפּן פֿון דײַנע – דער כּשוף.

(מאַריע פֿאַרשװינדט פֿון פֿענסטער. מאַניש
אַלײַבט ענטזיִשט און פֿאַרװירט קוקט אַרויף
צום באַלקאָן מיט געבעט)

מאַניש

אויף דײַן באַלקאָן הײַנגען מײַנע אויגן;

זײ זעען דיך ניט!

ס'װאָלקן דאַרט פֿלומען, די טיר איז געשלאָסן

די שויבן פֿאַרװיִשט...

װי אַ פֿויגל פֿליט אַרויף מײַן נשמה

און שלאָגט זיך דאָרטן צװישן די אײַזן...

שטילערהײט קלאַפּט זי בײַ דיר אין די
שויבן.
די װילסט דיך ניט װײַזן...

דאַן פֿליט זי צוריק באַנג אין דער שרעקן.

דערשלאָגן אין מיד;

און אין דעם קראַנקן האַרץ הויבט אָן
קלינגען
דאָס טרויעריגע ליד!

(מאַריע קומט אַרויס פֿון הויז און לאָזט
זיך לויפֿן אין דער ריכטונג פֿון מאַנישן.
אויסשטרעקענדיג די הענט צו אים, עס
באַװײַזט זיך נעבן איר דער סמאַל און זײַן
שד-געשטאַלט און ברומט מיט קנאה)

סמאַל

דער דומפּער קלאַנג פֿון דעם גיהנם, לאָזט

אין ~~אזר~~ איר שטימע זיך הערן.

מאריע:

פון די ליפן פון דיינע - דער כשוף

(עס הערט זיך פון דער ווייטענס
מאנישס שטים)

מאניש

פון די ליפן פון דיינע-דער כשוף

מאריע

דאס איז מיין איינציג געזאנג

מאניש (פון דער ווייטענס)

דאס איז מיין איינציג געזאנג.

(מאריע לאזט זיך לויפן אין דער ריכטינג פון
מאנישן. סמאל פארשטעלט איר דעם וועג אין
פארדעקט איר געשטאלט הינטער זיין רויטן מאנטל)

פארהאנג

## דריטער אקט

### פראלאג

### די סצענע

(דער דיכטער מיט די מוזען)

דיכטער

פריילאך, לוסטיג, טאג אין נאכט,
אין לאזט ארויס איר קול מאריע,
העלפט דאס גאנצע הויז איר צי,
קנאקט פאר לאכן, ווען זי לאכט!

מוזן

חא! חא! קלינגט עס ווי א גלאק!
יעדעס שטיינדל, יעדעס טשוואק,
וואנט אין דאך! דאס הויז אין גאנצן!
(טאן ענדערונג)

די ביזט מיין ליבע און מיין ליידן
פון הארפע דער גאלדענסטער קלאנג.

ערשטע מוזע

אין אז מאניש בייט כסדר

צווייטע מוזע

יעדן מארגן פרי אין חדר,

דריטע מוזע

בלייבט ער שטיין ביים טויער...

פערטע מוזע

דעמאָלט זינגט א פּראכט מאַריע,

פינפטע מוזע

אין איר - טרעלן - מעלאָדיע

זעקסטע מוזע

דרינגט אים טיף אין אויער!

זיבעטע מוזע

עס דרינגט אריין אין הארץ אים טיף,

מוזן (אלע צוזאמען)

די ביזט מיין ליב און מיין ליידן

פון הארפע דער גאָלדענסטער קלאנג,

פון די ליפּן פון דיינע - דער כשיף

דאָס איז מיין איינציג געזאנג.

דיכטער

און אויפן איינגענעם מאָטיוו,

מיט דער זעלבער מעלאָדיע

זינגט דערנאָך ער די גמרא,

און איז מטעים יעדע סברא

מוזן

דרייט נאָך מיטן פינגער צו!

דיכטער

נאָר א שווייס ליגט אויפן שטערן

מוזן

אין די אויגן - פייכט פון טרערן

דיכטער

און דאָס פּנים, בלאס ווי קרייד,

מוזן

דער רבי זיינער זיצט פאַרציקט,

דיכטער

ס'שטייט די רביצין און קוקט!

מוזן

„אוי, ווער ווייסט, וואָס דאָס באַטייט"

סצענע

(מאָניש ביי די עלטערן אין הויז, ער איז בלאַס און אָפּגעצערט. זיצט איבער דער גמרא און ברומט אינטער מאָריעס ניגון. פאַרמאַכט די גמרא און שפּרייזט אַרום איבער צימער, זעצט זיך צוריק אַוועק ביים טיש, אַרונטערלאָזנדיג זיין קאָפּ אין די הענט. א שווערער זיפץ רייסט זיך אַרויס פון זיין האַרצן, עס קומט צו־ריק זיין מוטער, לייגט אַרויף די הענט אויף זיין קאָפּ, עס קומט אויך צו זיין פאָטער)

מאָניש (פאַרטרוימט)

פון די ליפּן פון דיינע - דער כּשוף

דאָס איז מיין איינציג געזאַנג.

מוטער און פאָטער

וואָס איז דיר מיין קינד?

וואָס לאָזט זיך דיין קול

אַזוי וויינענדיג הערן?

וואס האסטו אין די אויגן
נאר טרערן און טרערן.

מוטער

וואס ביזטו אזוי בלאס,
מיין איינציגעס קינד?
ווער האט דיר פארלאשן,
די אייגעלאך דיינע,
די שיינע הבדלות,
וואו האסטו גענומען
נגונים, יללות?

פאטער

און עיני - נהרע,
געזונט זיי און שטארק,
די פלעגסט דאך צו זינגען
פונקט ווי א קאנאריק
א שטייגער, א וואלאך
צו אנדערע זאכן!

מוטער

עס פלעגט דאך פאר תענוג
דאס הארץ אין מיר לאכן,
אז די פלעגסט זינגען
די זמירות ביים עסן;-

~~פאטער~~

פאָטער

הײַנט האָסטו גאָר יענע
ניגונים פֿאַרגעסן.

מוטער

הײַנט זינגסטו גאָר אַנדערש,
הײַנט זינגסטו נישט - גוט
עס קלעמט מיר דאָס האַרץ צו,
עס קילט מיר דאָס בלוט.

פאָטער

עס שנײַדט ווי מיט מעסערס
אין האַרץ דײַן געזאַנג!
וואָס איז פֿאַר אַ שטײַגער
וואָס איז פֿאַר אַ גאַנג?

מוטער

פֿלעגסט אַ מאָל העלפֿן
דעם חזן אין שיל...

פאָטער

גאָר אַנדערע קולות,
און אַנדער געפֿיל!

מוטער

אַצינד עפּעס אַנדערש
זינגט פֿון דיר אַרויס!
וואָס איז דיר מײַן לעבן,

דער מאמען זאָג אויס!...

מאַניש

צי ווייס איך דען מאמע

וואָס ס'זינגט דאָרט אין מיר?

איך ווייס נאָר אין הארץ

איז גאָר אנדערש ווי פריער!

איך ווייס ניט וואָס איז מיר

פאָטער אין מוטער (געריִרט)

וואס איז דיר מיין קינד?

וואָס לאָזט דיין קול

אזוי טרויעריג הערן?

מאַניש

עס נאָגט דאָך אין הארצן;

(כאפט זיך פארן הארץ)

און פלאַצלינג פאר די אויגן

ווערט פינסטער און שווארץ...

(כאפט זיך פארן קאָפּ און שטעלט זיך ביים פענסטער)

עס הויבט אָן צי ברענען

ווי פייער אין מח,

עס רייסן זיך קולות

פון האלז אויס מיט כח!

און אָטעם פארפעלט מיר,

ס'איז איינג אין דער ברוסט,

איך וויל זיי פארהאלטן,
(פויזע, פארטרויםט)
די טענער אומזיסט!

זיי פליען ווי פויגעל

ארויס פון א נעסט...

אין - אזוי זינגט זיך...

אט, ווי די זעסט!

(ער עפענט די גמרא. פארטיפט זיך. פאר א
ווייל אין דעם הויבט ער און ארומציגייען
א הין און א הער.)

מאניש (פארטרוימט)

די ביזט מיין ליב און מיין ליידן

פון הארפע דער גאלדענסטער קלאנג

פון די ליפן פון דיינע - דער כשוף

דאס איז מיין איינציג געזאנג.

(שטעלט זיך ביים פענסטער, עפענט עס אויף
אין זינגט ארויס)
אויף דיין באלקאן הענגען מיינע אויגן;

זיי זעען דיך נים!

ס'וועלקן דארט בלומען, די טיר איז
געשלאסן.

די שויבן פארווישט...

(ער פאלט 13 ליידענשאפטליך צו דער גמרא ווי
ער וואלט דארטן א טרייסט
געפונען
אוי אמר רבא, אוי, אמר רבא

האט רבא געזאגט! (ברעכט צו זאמען)

פארהאנג

## צווייטע סצענע

### (דער דיכטער און די מוזן)

דיכטער

אין׳ם שטעטל איז געווען
פין קדמונים א מפולת:
דאָרטן פלעגן לצים וואוינען,
מוזיצירן, מאכן קולות.
קרייען, מיאַוצען, קוויטשן, בילן
אָדער סווישטשן ווי דער ווינט,

מוזן

אויפן דאך, גייט אויף דער וואך
אן אלטער שווארצער הונט!

דיכטער

ס׳פלעגט ארויסצוווארפן שטיינער,
גאנצע פודן אויף דער וואָג.
און עס פלעגן זיך באווייזן
די ניט-גוטע טאָג אויף טאָג!

מוזן

ווייבער, מענער, אידן, קריסטן
וויכן לאנג די גאנצע גאס;

דיכטער

אין מיט גראזען באוואקסן
שטייען הייזלאך פיסטע-פאס!

מוזן

דאָרט באַנאַכט באַווייַזט זיך מאַניש,

צי דער חורבה גייט ער צו

דיכטער

ס'קלאַפּט דאָס האַרץ ווי ביי א גזלן.

מוזן

דאַרטן וואַרט אויף אים מאַריע!

דיכטער

אים באַגלייטן צוויי מלאכים,

אין דער לינקער זייט א שלעכטער

מוזן

און מיט טרערן אין די אויגן

גייט דער גוטער אין דער רעכטער

(עס זעט זיך די מפּלת. עס הערן זיך קרייען,
קוויטשען, בילן און סווישטשן פון די שדים,
אַן אַלטער שוואַרצער הונט שטייט אויף דער
וואַך. שדים דרייען זיך ארום לילית'ן,
וועלכע זיצט טרויעריג)

לילית (טרויעריג)

טרויעריג פרעגן מיינע לידער;

וואָס האָסטו געוואָלט פון אים

נאָך וואָס האָסטו אים געצויגן

אין דיין נעץ אריין?

סמאל (קוקט אויף איר מיט חשד)

קליינע מענטשן, דראָבנע מענטשן

שדים

דראַבנע מענשן.

לילית

שמערצליך וויינען מיינע לידער!
וואָס האָסט געוואָלט פֿון אים!
ווייניג האָט ער נעכט אַן שטערן
ווייניג טעג אַן זון?

סמאַל

זייער שעלטן, זייער בענטשן
קליינע מענשן, דראַבנע מענשן

שדים

דראַבנע מענשן.

לילית

אייער קלאָגן מיינע לידער!
וואָס האָסט געוואָלט פֿון אים?
און געקוילעט אַן רחמנות
האָסט אים.

סמאַל (מיט איראָניע אין אימפעט)

קליינע מענשן, דראַבנע מענשן.

שדים

דראַבנע מענשן

~~סמאַל~~

סמאַל

„שקר", שטייט „אין לו רגלים";
אָבער „אמת", ער האָט פיס;
פאַרט דער „שקר" אין קארעטן
און דער „אמת" גייט צו פיס.

שדים

און דער אמת גייט צו פיס.

סמאַל

עס שטייט נאָך דער אמת!
פון קאָפּ ביז די פיס
פארהילט אין א שלייער!
ווייל שרעקליך און מאוּס
איז נאקעטער אמת!

שדים

ווייל שרעקליך און מאוּס
איז נאקעטער אמת!

סמאַל

מען האָט אים פארשטעלט,
ווייל ווער עס דערזעט אים,
דער גייט פון דער וועלט! כא! כא! כא!

שדים

דערגייט פון דער וועלט! כא! כא! כא!

סמאל

קליינע מענשן, דראבנע מענשן,

זייער שעלטן, זייער בענשן,

זייער לויבן, זייער שרייען,

זייער פלאמען, זייער שפייען;

זייער בעטן מיט געוויין

און דאס קריצען מיט די ציין

אלץ איז דרויב

לייכטער שטויב, כי! כי! כי!

שדים

אלץ איז שטויב כי! כי! כי!

סמאל

דרויב, דרויב! דרויב, דרויב, דרויב.

שדים

לייכטער שטויב, לייכטער שטויב, לייכטער
שטויב.
(סמשל מאשצעט זיך אויס אויף דער שטיל)

סמאל צוזאמען מיט די שדים

דרויב, שטויב שטויב, דרויב, דרויב,
דרויב, חי, חי.

(טרינקן פון א גרויסן בעכער)

(עס דערהערט מאנישים שטים. סמאל גיט
א צייכן. עס זאל זיין שטיל. לילית שטראלט א
אויף פון פרייד. סמאל ברומט פון רוגזה. עס
ווערט פינסטער. לילית ווערט טראנספארמירט
אין מאריע אין סמאל- אין שלעכטן אין
פיטרן בחורל.

מאַניש:

האָסט געצילט און האָסט געטראָפן

און - די שמייכעלסט פאַרגעניגט!

האָסט געצילט און האָסט געטראָפן,

מיר איז דאָס האַרץ מיט בלוט פאַרלאָפן-

האָסט געזיגט!

און פיין ווי גאָלד איז דיין פאַרשטאַנד!

און קלאָר דיין אויג, און פעסט דיין
האַנט!

און שאַרף די שפּיז!

אָן א ציטער! איך זאָג דיר אָפן

האָסט געזיגט, די האָסט געטראָפן

אין - איך ליג בא דיינע פיס!

(ביים עק גאָס באַווייזט זיך מאַניש,
באַגלייט פון צוויי מלאכים אין געשטאַלט
פון צוויי יונגע בחורים'לאַך, זיינע
חברים)

גוטער מלאך

האָב רחמנות, - דיין נשמה

זאָל פאַר גאָט ניט זינדיק זיין!

ווייס, צי וועלט האָט ער באַשאַפן

וואָס אין הימל, וואָס אויף דער ערד!

און לבנה, אלע שטערן,

אלע אָקסן, אלע פערד!

~~(חברים)~~

מאַניש (פּרים )

ער פאַרזאָגט אויף לייבן, בערן,
גיט פּרנסה שאָף און רינדער....
האָט דעם מענשן זיך אויסגעקליבן,
ער זאָל לויבן זיינע וווּנדער.

גוטער מלאך

אין דעם תּמצית פון אומות
האָט ער אידן אויסגעצויגן.

מאַניש (פּורים)

אין זעקס-הונדערט - דרייצן מצות
אָפּגעפאַסטן, אָפּגעוואויגן!

גוטער מלאך

טו נאָך תּשובה, און ער וועט דיך
מיט ש"י עוֹלָמות פאַרגעלטן!
אוי בארעכן! איז מאַריע דען
ווערם דריי הונדערט מיט צען וועלטן?

סמאַל (אין געשטאַלט פון שלעכטן חבר רויקט אים אין לינקן אויער מיט א טאָן פון חוזק)

האָסט נאָך צייט אויף עולם-הבא!
און ער וועט דיר מוחל זיין!
צי האָט ראובן נישט געזינדיגט?
אָדער דוד און בת-שבע?
אַלע זיינען אין גן-עדן...

ווייל ער האָט א גלשטע טבע!

אין א ליאדע קרום, א טרער,

אין א ווינטער - טאָג א תענית!

אין ער גלויבט דיר אויף נאמנות!

(געראנגל צווישן ביידע מלאכים, עס דערהערט זיך דאָס געזאנג פֿון מאריע)

מאריע:

די ביזט מיין ליב אין מיין ליידן

פֿון הארץ דער גאָלדענסטער קלאנג,

פֿון די ליפּן פֿין דיינע - דער כשיף,

דאָס איז מיין איינציג געזאנג.

(ביידע מלאכים ציען אים צו זיך, מאַניש הייבט זיך אוועק פֿין דעם גיטן מלאך, וועלכער ווערט איינגעשרומפּן אין פארשווינדט. עס בלייבט לעבן אים סמאל, וועלכער מאכט חוזק-גרימאסן אין דער זייט. מאריע לויפט אנטקעגן מאַנישן, דריקט זיך צו אים, זיי קושן אין האלזן זיך.

סמאַל (אפּארט מיט קנאה, קוקט שפּיציג אויף לילית'ן)

פלאמען ברענען איר אין די אויגן,

אלע תאוות - אין איר ליד!

אין איר פליט שוין פייל פֿין בויגן,

אין דאָס בלוט זיינס קאָכט אין זידט!

(ער לאָזט זיך צו איר ווי זי אוועקצירייסן פֿין אים. דען שטעלט ער זיך אוועק אן א זייט אין קוקט אויף זיי מיט חוזק.

סמאַל:

סמאל

טויזנט גרילן, טויזנט שפּינעו,
פלעדערמייז אין איילן הערן
זייער זינגען, לאַכן, קושן,
זייער קושן, האלזן, שווערן...

מאַניש (צו מאריען)

בײַ מײַן לעבן, בײַם געזינט!

מאריע (שמייכלט)

אזא שביעה טראַגט אַוועק
דער לייכטער ווינט.

מאַניש

בײַ די ציצית, בײַ די פּאות, בײַ
די תפלין
און בײַם שופר של משיח...

זאָג, וואָס נאָך? אים גאָט ווילן!

סמאל (מיט חוזק)

און ער שווערט איר הייסע ליבע
אלץ פאַרברענטער און פאַרשייטער
(מיט קנאה)
און זי שמייכלט און זי בעט זיך
(ווערט צאָרענדיג)

מאריע (שמייכלט און בעט זיך)

שווער נאָר ווייטער, ווייטער, ווייטער!

מאַניש

בײַ דעם טאַטן,

ביי — ביי דער גוטער פרומער מאמע

ביי דער באָבען, ביי דעם זיידן

און ביי אלע נאָך צו זאמען...
(מאריע שמייכעלט קאָקעטיש)

סמאל — (מיט וויטאָג)

אויף איר' ליפן שפילט א שמייכעל

אין די אויגן אירע גלאנצן
אין זי בעט זיך (מיט א זיפץ)

מאריע

ווייטער! ווייטער!

סמאל — (נערוועז)

זי וויל זיכער זיין אין גאנצן!

מאריע — (קאָקעטיש)

ווייל א בחור קען פארפירן.

קען פארגעסן.

סמאל

האט זי מורא...

מאניש

ביים פרוכת, ביי דעם כתר,

ביי דער תורה!

מאריע

העכער! העכער!

סמאל

(לויפט ארום אויפגערודערט)

זי זויל זיכער זײַן אײַנגאַנצן
און זי כשופֿ'ט מיט איר אָטעם
און די אויגן בלישצן, גלאַנצן.

(לאַנגע פּויזע, מאַריע מאַכט אַ ברוגז פּנים
ווי זי איז ניט צופֿרידן. ציט זיך אין אַ זײַט
און קוקט פֿאַרליבט אויף מאַניש'ן.סמאַל שטעלט זיך
הינטער לילית'ן.)

סמאַל

(אין שד-געשטאַלט)

אַ טעאַטער איז די וועלט,
גאָט איז רעזשיסאָר--
דאָס שטיק איז פֿײַן-- נאָר ס'איז
דער טײַוול דער סופֿליאָר.
אַ בודע איז דאָס שוואַכע האַרץ...
דער טײַוול פֿעלשט דאָס שטיק!
און אויב מען זאָגט אַרויס אַ גרײַז
כאַפּט מען ניט צוריק!

(מאַריע פֿליסטערט: מאַניש! סמאַל לויפֿט ראַשיק
צו צו איר.ער שלעפּט זי צו זיך.זי רײַסט זיך
פֿון אים.מאַניש לויפֿט צו.סמאַל שטעלט אים אָפּ)

סמאַל:

(מיט שרעקליכן כעס צו מאַריען, אָוועקציענדיק

זי אין א זייט)

תאוה צום מענטש?.. הא?...

מאריע:

איך וויל זיך מטהר זיין אין דעם מענטשן...

מאַניש!מאַניש!

(מאריע רייסט זיך ארויס פון סמאל'ס הענט און שטרעקט אויס אירע ארעמס מיט ליבע צו מאַניש'ן. מאַניש פאלט אריין אין אירע ארעמס. זי דריקט זיך צו אים ליידנשאפטליך און פליסטערט אים אין אויער אריין.)

מאַניש: (אין עקסטאז)

ביי גאָט!!

(סמאַל הויבט אויף זיין האנט און באַכאטשעט, חא!חא!חא!עס הויבט אן דונערן און בליצן. א פייער זעצט ארויס פון דער ערד. עס דרייט זיך א וויכער פון שדים און שדית'טעס.)

## עפּילאָג

(דער דיכטער און די מוזן)

דיכטער:

אויפן באַרג אררט דאָרטן

איז א לעבן, א געפּילדער,

ס'איז א באַל דאָרט אין דער תּיבה

און א שרעקליכער א ווילדער!

אין קאַפּעלן (יענע וועלט צאַגיינער) מוזיצירן

און שאַמפּאַניער ווי וואַסער

אין די רוחות קאַנקאַניִרן!

לאַמפּן, טויזענט פעסער סמאַלע,

די רשעים זיינען קנויטן!

ס'גייט אַרום אַן עקסטרע שד'ל

מיט א שערל פאַר די צויטן

מוזן:

און די קעניגן איז לילית.

און די אויגן האָט זי בליצן

און סמאַל טראָגט איר לאַנגע

שלעפּע מיט בראַבאַנער שפּיצן.

און דער טיר דאָרט שטייט געשלאָסן

אונזער מאַניש אויף א קייט..

און מען לייגט שוין א פייער

און די שפּיז איז אויך שוין גרייט!

---

פאָרהאַנג.

---

סצענע

אין דער תיבה. אַשדים-באַל, א וואַקזאַנאַליע, שדים
~~שדים~~ שפּילן אויף אינסטרומענטן וואָס ~~דבב~~-דאַפּן
זעען אויס ווי מענטשליכע סקעלעטן, טרינקען בלוט
וואָס זיי זאַפּן פֿון די זינדיגע גופים וועלכער
ליגן אנגעלייגט הויפֿן ווייז. די לאַמפּן זיינען
פעסער סמאַלע. די רשעים זיינען קנויטן, א קליין
שדיל גייט אַרום און שערט אָפּ די צויטן-די
מענשליכע העזער. מאַניש שטייט אויף א קייט, אין
דער טיר. א שד לייגט א פייער-עס קומט אריין 13
קעניגן לילית. סמאַל טראָגט איר שלעפּע. אלע בוקן זיך
צו איר. זי קוקט פאַרליבט צו מאַניש'ן. ~~קעסלעכטלבער~~
~~תהדה~~; לילית רייסט אַרויס פֿון סמאַל ן.)

לילית:

ס'ציט ~~...~~ די טומאה צו דער קדושה...

(ציט זיך צו מאַניש'ן)

סמאֶל:
עס מוז די קדושה
צו דער טומאה ציען...
די טומאה איז דער אנהויב
פון דעם זיין...
די הייליגע!-
~~די~~ זיי ווילען די וועלט אונטערבּריינגען,
אויך אים אליין...
חא!חא!חא!
איק אָבער בּין דער,
וואָס בּעגט דאָס לעבן!
~~איך בּין די תאווה~~
איך בּין די טומאה
פון וואַנען דאָס לעבען,
קוועלט ארויס!..
(טאָן ענדערונג)
און מיר פאנגן זיי
די הייליגע
אין אונזערע נעץ
און זיי טוען
אונזער ווילן
און דעם ווילן
פון זייער גאָט
דער אנהויב-

פון דעם זיין

אזוי ווי איך

און דו . . .

חאַ!חאַ!חאַ!

לילית: (צו מאַניש'ן מיט געבעט)
דו ביזט מיין ליב און מיין ליידן.

(סמאַל גיט א צייכן צו דער קאפעליע, וועלכער הויבט אָן אויסשפילן ווילדער מעלאָדיעס. שדים טאַנצן ווילדע פארמען פון געשלעכטליכע תאוה., רייצן זיך מיט מאַנישן. לילית קומט צו הינטער מאַנישן אין א פאזע ווי זי וואָלט אים וועלן באשיצן. אלע ווערן פרשוואונדן עס ווערט פינסטער. מאַניש לייזט זיך אויף אין א ליכטיגע בלום. לילית ליגט אויסגעשפרייט ווי א שאָטן נעבן דער בלום.)

פארהאנג.

---